**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/10/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט דאס אנהייבן קאנסטרוקציע אויף אן 86 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין די בראנקס**

***׳באַיעז פלעיס׳ וועט שאפן 154 נייע צוגענגליכע אַפּאַרטמענטס אין קלעירמאנט, אריינגערעכנט 86 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מענטשן וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט***

גאווערנער האוקול האט היינט אנאנסירט דאס אנהייבן קאנסטרוקציע אויף ׳באַיעז פּלעיס׳, אן 86 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט אין דעם קלעירמאנט טייל פון די בראנקס. ׳באַיעז פּלעיס׳ וועט פיגורירן 154 צוגענגליכע היימען, אריינגערעכנט 86 מיט אויפ׳ן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס פאר מענטשן וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט.

״מיר נעמען זיך דירעקט צו לייזן דעם פראבלעם פון האָוזינג אומזיכערהייט און היימלאזיגקייט מיט דעם פראיעקט, וועלכע וועט ליפערן הויכע קוואליטעט, צוגענגליכע היימען פאר ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דער דעוועלאפמענט אויף ׳באַיעז פּלעיס׳ אין די בראנקס וועט דערהייבן דער גאנצער קאמיוניטי מיט איבער 150 יוניטס האָוזינג ווי אויך ארומנעמיגע סערוויסעס פאר סיניאָרס און מענטשן וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט, די לעצטע באמיאונג פון אונזער 25 ביליאן דאלערדיגן האָוזינג פלאן אויף אויפצושליסן געלעגנהייטן און געבן פאר פאמיליעס א זיכערן, סטאבילן ארט אנצורופן א היים.״

׳באַיעז פּלעיס׳ איז טייל פון גאווערנער האוקול׳ס ברייט-ארומנעמיגע פלענער צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר׳דיג, און סטאביל. אין דעם פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט, האט די גאווערנער פארגעשלאגן און ערפאלגרייך געשאפן, א נייעם 25 ביליאן דאלערדיגן, פינף-יעריגן אלץ-ארומנעמענדן האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג פארזארגונג דורך שאפן אדער היטן 100,000 צוגענגליכע וואוין-ערטער לענגאויס ניו יארק אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער עמפינדליכע איינוואוינער, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 דירות.

׳באַיעז פּלעיס׳ באשטייט פון 105 סטודיאָ, 21 איינציג-שלאפצימערדיגע, 22 צוויי-שלאפצימערדיגע, און זעקס דריי-שלאפצימערדיגע דירות. די דירות וועלן זיין צוגענגליך פאר הויזגעזינדער מיט איינקונפט צווישן 30 און 80 פראצענט פון דורכשניטליכע פארדינסטן אין דעם געגנט.

שטיצע סערוויסעס און רענט סובסידיעס וועלן פינאנצירט ווערן דורך אן עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו אויסטיילונג אנגעפירט דורך דעם ניו יארק סטעיט אפיס פאר גייסטישע געזונט.

׳קאמיוניטי עקסעס אינק.׳, אויך דער דעוועלאפער פון דעם פראיעקט, וועט צושטעלן אויפ׳ן-ארטיגע סאציעלע סערוויסעס וואס וועט אריינגעמען איינציגווייזע קאונסלינג, זעלבסט-הילף גרופעס,

סטרוקטורירטע גרופּע אַקטיוויטעטן, שאָדן-רעדוצירונג סערוויסעס, באַהעפטונגען מיט קאַמיוניטי גייסטישע געזונטהייט פּאַרזאָרגער, מעדיצינען פאַרוואַלטונג הילף, און באַשעפטיגונג אַנווייזונגען.

נאָך סערוויסעס פאָקוסירט אויף עלטערע טענאַנטן וועלן אַריינגעמען איינציגווייזע שטיצע און פאַרבינדונגען מיט סערוויסעס דורך אַ ספּעציעל געאייגנטע סיניאָר אַדוואָקאַט, און אויפ׳ן-אָרטיגע פריימערי קעיר סערוויסעס צוגעשטעלט דורך אַ דאָקטער אָדער נורס פּראַקטיצירער אונטער קאָנטראַקט מיט ׳קאַמיוניטי עקסעס׳.

איינוואוינער איינריכטונגען ביי ׳באַיעז פּלעיס׳ וועלן באַשטיין פון אַ קאַמיוניטי צימער מיט אַ קאָמערציעלע קיך, קאָמפּיוטער צימער, לאָנדרי-רום, עקסערסייז צימער, און 24/7 פאַרנט אַריינגאַנג סעקיוריטי. יעדע דירה וועט זיין אויסגעשטאַט מיט אומזיסטע בראָדבענד אינטערנעט. איינוואוינער וועלן האָבן די מעגליכקייט זיך צו באַטייליגן אין אינער-שטאָטישע אַגריקולטור אין די דרויסנדיגע גרין-נאַטור ערטער און אין אַ גרינהויז וואָס געפינט זיך אויפ׳ן העכסטן שטאָק פון דער געביידע.

די שכינות אין דעם האַרט דערנעבנדיגן געגנט פון דעם דעוועלאָפּמענט באַט אַן אַ פאַרשידנאַרטיגע געמיש פון פּאַרק און פאַרוויילונג ערטער, געבעט הייזער, העלטקעיר אַנטשטאַלטן, שולעס און פאַרשידענע געגרייטע מאַלצייט געשעפטן. דער אָרט געפינט זיך האַרט נעבן ריטשמען (עקא) פּאַרק אויף צפון און נעבן MTA באַס אָפּשטעל ערטער, די סאָבוועי סטאַנציעס פאַר די B און D ליניעס, און די מעטראָ-נאָרט האַרלעם ליניע טערמאַנט סטאַנציע.

סטעיט פינאַנצירונג פאַר ׳באַיעז פּלעיס׳ דירות רעכנט אַריין 17.6 מיליאָן דאָלער אין קביעות׳דיגע שטייער-גע׳פּטר׳טע באַנדס, פעדעראַלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע וועלן שאַפן 38.7 מיליאָן דאָלער אין באַזיצערשאַפט און 12 מיליאָן דאָלער אין סובסידיע פון ניו יאָרק סטעיט ׳האָומס ענד קאָמיוּניטי רינויּעל׳. דער ניו יאָרק סטעיט אָפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף שטעלט צו 7 מיליאָן דאָלער דורך דעם היימלאָזע האוזינג הילף פּראָגראַם.

**׳האָומס ענד קאָמיוּניטי רינויּעל׳ קאָמיסיאָנערין רוט-ענע וויסנאָוסקאַס האָט געזאָגט,** ״׳באַיעז פּלעיס׳ ציעט אויף ווייטער אונזער נאָכגעיעג צו מערן צוגענגליכע האָוזינג אין די בראָנקס דורך צולייגן 154 דירות אין אַ געביידע אויסגעשטעלט אויף צו פאַרזאָרגן אַ באַקוועמע און אַקטיווע סביבה פאַר פאַמיליעס, סיניאָרס, און יחידים וואָס מוטשען זיך מיט היימלאָזיגקייט. די המצאה׳דיגע דעוועלאָפּמענט איז אַ פּערפעקטן ביישפּיל פון גאָווערנער האָוקול׳ס אַנטשלאָסנקייט צו אינוועסטירן אין האָוזינג וואָס איז נישט בלויז צוגעהערן נאָר טוט אויך פאַרבעסערן די לעבנס פון איינוואוינער דורך אָנבאַטן אומזיסטע אינטערנעט, רחבות׳דיגע דרויסנדיגע ערטער, און צוטריט צו פּובליק טראַנזיט, סקולס, באַקוועמליכקייטן און העלטקעיר. און מיט די הילף פון אונזערע צוזאַמאַרבעטער ביי ׳קאַמיוניטי עקסעס אינק.׳, האָט ׳באַיעז פּלעיס׳ די פעאיגקייט צו טראַנספאָרמירן לעבנס און בויען אַ שטאַרקערע און מער ערפאָלגרייכע קאַמיוניטי.״

**אָפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאָמיסיאָנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האָט געזאָגט,** ״ניו יאָרקער מיט אַן ערנסטע גייסטישע קרענק געפינען זיך אָפט מיט זייערע פאַמיליעס אין אומסטאַבילע וואוינונגס אומשטענדן אַלס רעזולטאַט פון זייער צושטאַנד. קביעות׳דיגע שטיצנדע האָוזינג, ווי די צענדליגע נייע יוניטס וואָס ׳באַיעז פּלעיס׳ וועט באַלד אָנבאַטן, וועט צושטעלן די סערוויסעס אין וועלכע די יחידים און פאַמיליעס נייטיגן זיך אויף צו בלייבן זיכערערהייט אין אַ שטוב אין אַ זעלבסטשטענדיגע איינריכטונג. גאָווערנער האָוקול׳ס אָנגייענדע באַמיאונג צו פאַרברייטערן קביעות׳דיגע שטיצנדע האָוזינג לענגאויס אונזער סטעיט צייגט איר אַנטשלאָסנקייט זיכער צו מאַכן אַז אַלע ניו יאָרקער האָבן צוטריט צו זיכערע און צוגענגליכע דירות.״

**אפיס פאר גייסטישע געזונט קאמיסיאנערין ען סוליוואן האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול׳ס היסטארישע האָוזינג פלאן און איר איבערגעגעבנקייט צו שטיצנדע האָוזינג האבן צוגעשטעלט פאר טויזנטער ניו יארקער וועלכע ליידן פון גייסטישע קרענק זיכערע און סטאבילע וואוין-ערטער, וועלכע איז א קריטיש-וויכטיגע באשטאנדטייל פון זייער ערהוילונג. ׳באַיעז פלעיס׳ וועט זיין א הערליכער צוגאב צו דעם ׳מאָונט האָופ׳ געגנט און וועט געבן עמפינדליכע איינוואוינער אין די בראנקס דער מעגליכקייט צו וואוינען און בליען אין זייער אייגן קאמיוניטי.״

**סטעיט סענאטאר גוסטאווא ריווערא האט געזאגט,** ״דאס אנהייבן ארבעט ביי ׳באַיעז פלעיס אַפּאַרטמענטס׳ אין ׳מאָונט האָופ׳ פארטרעט א העכסט-נייטיגע צוגאב צו די צוגענגליכע האָוזינג סטאָק אין די בראנקס. דער נייער דעוועלאפמענט וועט צושטעלן פאר מעדיקעיד באקומענדע סיניאָרס און היימלאזע מענטשן מיט א צוגענגליכע, שטאנדהאפטיגע ארט אויף צום וואוינען און גלייכצייטיג זיי פארבינדן מיט קריטיש-וויכטיגע שטיצע סערוויסעס. איך לויב דעם סטעיט און נאָנפּראָפיט צוזאמארבעטער פאר׳ן ארבעטן אינאיינעם און אינוועסטירן אין די סארטן קריטיש-וויכטיגע האָוזינג פראיעקטן פאר די בראנקס.״

**אסעמבלי-מיטגליד יודעלקא טאפיע האט געזאגט,** ״היימלאזיגקייט צוליב א מאנגל אין צוגענגליכע האָוזינג און גייסטישע קרענק איז א גרויסן קריזיס אין ניו יארק סיטי. מיט איבער 90,000 מענער, פרויען און קינדער אין ניו יארק סטעיט מיטמאכנדיג היימלאזיגקייט, איז דאס א מאנומענטאלע מענטשהייט קריזיס וואס נייטיגט זיך אין באלדיגע אקציע. דער נייער שטיצנדע-צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט וועט סערווירן זיי, אונזערע נידעריגע-איינקונפט פאמיליעס, מענטשן מיט גייסטישע קרענק, און עלטערע איינוואוינער — אונזער מערסט עמפינדליכע טייל פון דער באפעלקערונג. א יישר כח פאר ׳קאמיוניטי עקסעס׳ פאר זייער איבערגעגעבנקייט און טריישאפט צו דינען די מערסט נויטבאדערפטיגע אין אונזערע קאמיוניטיס. ׳באַיעז פלעיס׳ און אירע 154 דירות קומט אנצובאטן א געוויסע מאס האפענונג פאר די אלע וועלכע נייטיגן זיך אין הילף.״

**בראנקס בארא פרעזידענט וואנעסא על. גיבסאן האט געזאגט,** ״אדוואקירן פאר צוגענגליכע האָוזינג וואס איז א טובה פאר אלע ניו יארקער איז א העכסטע פריאריטעט אין מיין אדמיניסטראציע און מיר זענען גאר שטארק דערפריידט אז דער ׳באַיעז פלעיס׳ דעוועלאפמענט איז גוט צוגעפאסט צו דעם מוסטער פון ברענגען האָוזינג יושר און גלייכקייט צו די וועלכע נייטיגן זיך דערין דאס מערסטע. מיט 154 דירות, 86 דערפון אוועקגעלייגט פאר ניו יארקער וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט, קענען מיר זיין זיכער אז אונזערע מערסט עמפינדליכע איינוואוינער וועלן איצט האבן צוטריט צו זיכערע, ריינע און געזונטע לעבנס סביבות אין אונזער בארא. איך וויל דאנקען ׳קאמיוניטי עקסעס׳, ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ און אלע אנדערע וואס האבן געהאט א חלק אין ברענגען דעם פראיעקט צו דער ווירקליכקייט און פאר קעמפן פאר האָוזינג יושר׳דיגקייט.״

**׳קאמיוניטי עקסעס׳ CEO קעל העדיגען האט געזאגט,** ״מיר זענען אומגעהויער שטאלץ צו קענען אנהויבן קאנסטרוקציע אויף ׳באַיעז פלעיס׳, די 21׳סטע ׳קאמיוניטי עקסעס׳ צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג דעוועלאפמענט אין דער שטאט — און אונזער 10׳טער אין די בראנקס. אזוי ווי מיר האבן איינגעזען אין די פארלאפענע 2+ קאָוויד יארן, איז דאס האבן א סטאבילע היים א נייטיגע באשטאנדטייל פון אינדיווידועלע וואוילזיין. פאר מענטשן וואס זענען אן קיין היים קען עס זיין דער דיפערענץ צווישן לעבן און טויט. ׳באַיעז פלעיס׳ וועט אונז ברענגען איין טריט נענטער צו אונזער אמביציעזן ריעל עסטעיט דעוועלאפמענט ציל פון בויען 1,000 נייע דירות צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג. מיר אפלאדירן גאווערנער האוקול׳ס טריישאפט צו אדרעסירן ניו יארק׳ס צוגענגליכע האָוזינג קריזיס.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418